יעקב גלאַטשטיין

# יאָסל לאָקש פון כעלעם

## א

וועד קאָן פאַרטראָגן א יונגן יתומס געוויין ?
אָדער די טרערן פון אַן אָרעמער אלמנה ?
דעם עלנט, ווי אַ שטיין, פון אַן עקרה,
אָדער די פאַרשעמטקייט פון אַ מיאוסער עגונה ?
אָבער ערגער פון אַלץ איז דער שטומער צער
פון אַ געשלאָגן פערד.
די בייטש כוואַשטשעט איבער דער ליבער פעל.
דער שווערער קאָפּ בויגט זיך נידריקער,
אָן פאַרוואורף, אָן אַנטקעגנשטעל,
אָן ווידערשטאַנד.
פאַרן כסא הכבוד זאָל אַזאַ ווייטיק
זיך קומען אויסטענהן —
רבונו דעלמא, פאַרוואָס ?

יאָסל לאָקש קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן,
ער וואָלט זיך גערן איינגעשפּאַנט אין וואָגן

און געלאָפן ויאָ, וויאָ, יאָרן און יאָרן
און געכאַפּט די שמיץ, ווי קוויקנדיקע מלקות,
ווי בריענדיקע בעזעמלעך,
ווי אַן אָפּקומעניש.

די סוכאָטנע פעלדער קוקן אויס אַביסל גרינער
נאָך דעם וואַש פון רעגן.
אַ פאַרזשאַווערט אַקעראייזן זינגט אים אַנטקעגן.
ס'באַגריסן אים מיט געוואַשענע קעפּ
פערזשיכעס, מאַרעלן, אַגרעס, ווייַנפּערלעך,
און אָט איז אַן אויסגעפּוצטער קערשנבוים,
וואָס קוקט אַריבער דעם פּלויט פון אַ סאָד.
דאָס איז אַלץ גאָטס גענאָד.
דאָס און נאָך אַ סך פאַר דעם מענטשענס הנאה.
פונדעסטוועגן, יאָסל, לאָז זיך נישט פאַרפירן.
ווי שיין דער דאָזיקער בוים,
ווי שיין דער אַקעראייזן.
דער מאַטער בלאַסק פון שטאָל, דער וויג און בויג פון בוים.
שיינקייט איז בלויז פאַרן אויג — זאָל ער אַ נס באַווייזן.
זאָל ער געבן יושר, אויסגלייך.
איין מאָס פאַר אָרעם און פאַר רייך.
איין מעסטל גערעכטיקייט
פאַרן תקיף און געמיינעם מאַן.

אָ, ווען ער וואָלט כאָטש פאַרמאָגט גרויס זכות־אבות,
וואָלט ער אויסגעגלייכט דעם רוקן
און אַזוי פאַר אַ קאַטאָוועס
גענומען זיך דורכווערטלען מיט כביכול.
אָבער דאָס האָט געקאָנט נעמען אויף זיך
בלויז איין רב לוי יצחק.
ער האָט געהאַט אַ כוח.
ער האָט געקאָנט זיין מיט אים קנעפּל־שבקנעפּל און פּאַניבראַט.
ער האָט אים געקאָנט פרעגן גרונטאָוונע זאַכן,
פאַרוואָס איז איינער הונגעריק, דער צווייטער זאַט ?

# RABBI YUSSEL LUKSH OF CḤELM*

## I

Who can bear
The wail of a young orphan?
Or the tears of a needy widow?
Who can endure
The loneliness—like a stone's—
Of a woman who is barren?
Or the shame of an ugly wife
Whom a husband has deserted?

Worst of all is the dumb misery
Of a beaten horse.
The whip crackles
On the pelt.
The heavy head bends lower
Without reproach; without opposition
Or resistance.
Such anguish should come before God's Majesty
And there make its plaint.
"Master!
Master of this Universe—
Why?"

Yussel Luksh cannot bear it.
He would gladly get in the shafts.
*Giddy-up, giddy-up,*
He would run, year after year.
Taking those blows—
Like bracing lashes, stinging besoms—
Like
An atonement.

The wan fields seem greener now
After the wash of rain.
A rusty plow comes up singing.
Their heads washed,
Peach, currant, gooseberry,
Greet him.
And here, a dressed-up cherry tree
Looks over the orchard's fence. . . .
This is God's grace.
This—and more—have been made for man's enjoyment.
Nonetheless, Yussel—do not be misled!
No matter how beautiful this tree,
How beautiful the plow—
The quiet glitter of the steel,
The supple branch, the rocking bough—
Beauty is only for the eye!
Let Him really show a miracle.
Let Him hand out justice—
Evenly.
One deal
To poor and rich.
One measure
For the high and the humble.

If—for the sake of my sires
I had good will
In Heaven,
I would straighten my back,
And—in friendly fashion—
Have it out with the Almighty.
Only one
Could presume this—
Only one—Reb Levi Yitzkhok.
He had a knack. He could talk to Him
Like a crony—
Button to button.
He could get down to brass tacks.
"How may one be a glutton,
While another
Lacks?"

ווען אכצן און דרייצן האט ער געקאנט קומען פאדערן חשבון.
פארוואס זאל איינער לעבן אין שוואוילטאג
און שארן גאלד מיט ביידע הענט ?
דער צווייטער זאל דארן פאר א לעפל געקעכץ ?
ער האט פארמאגט דעם שטארקן זאג.
ער האט געהאט דעם ברייטן שטעל :
איך רב לוי יצחק באפעל,
איך זאג אויף דיין פירעכץ
לא מיט א טערקישער קאפאטע.

אבער איך, יאסל לאקש ?
וואס פאר א קראפט, וואס פאר א האפט האט
בלאטע־שבבלאטע ?

איך א יינגאטש, א סמארק, זאל זיך דערוועגן
און קריגן גלייך א באגראב.
בויג נידריקער דעם קארק, שייגעץ.
קאנסט נישט פארטראגן ביי גאט קיין עוולות ?
דו גרויסער מיניסטער־קאפ,
קאנסט אפשר בעסער פירן א וועלט,
מיט אזויפיל וועלערס, מיט אזויפיל ווילערס,
מיט אזויפיל לויבערס, מיט אזויפיל בילערס,
מיט אזויפיל מיילער, מיט אזויפיל הענט,
אלצאיינס געשווינט צי געשענדט —
אבער די געשרייען זענען נישט צום פארטראגן.
דיר איז גוט. האסט איין ברירה.
שפאנסט זיך איין אין וואגן,
וויא אהין און וויא אהער.
דו קומסט אפ דעם חוב צו זיך מיט א טרער.
איך בין פעהל און דו ביסט טרעף.
בין איך, הייסט עס, דער שטרענגער שופט
און דו דאס ווייכע לב.

ב

טוט מיר נישט אן דעם ספאדעק
און רופט מיך נישט רבי יאסל.
מיין פרומקייט, מיין גוטסקייט זאל וואקסן אויף אלע מיסטן.
וואס קרוינט איר מיך ? — איך בין נישט ראוי.
ווי קאן איך זיין אייער פירער ? — איך בין א בלאנדזשער אליין.
ווי קום איך פסקענען שאלות ? — איך האב נישט דעם ענטפער.
אז אין קאפ ביי מיר שווישטשען אצינדערט
כלערליי פייגעלעך מיט קלאץ־קשיות.
ווער איז גערעכט ? דער באלעגאלע ? דאס פערד ?
אדער גאר די בייטש ? וואו ליגט דא דער טייטש ?
איר כאפט דעם רעיון יידן ?
לאמיר זאגן איך בין דער דיין,
און זיי קומען זיך פאר מיר לאדן.
וועמען קומט שכר און ווער דארף צאלן שאדן ?
איך זאג אייך, קהל, איך בין א ווילדער נאר
מיט א ציגן בערדל.
ארום מיר טאנצן לצים מיט בעזעמער און זינגען אין כאר :
יאסל לאקש איז געווארן דער מנהיג הדור.

He'd ask the score.
How come? What for?
"Why does one man have the fat?
Grabbing the best
In his fists—
While another man is gaunt,
In want of a spoon of food?"

Strong, his words.
Wide his stand.
"I—Reb Levi Yitzkhok—command!
To Your system
To Your set-up—I say, 'No!
No!—with a capital N.
No!—in a Turkish overcoat!'"

I? Yussel Luksh?
What weight, what substance,
Have I—Mud, the son of Mire?
A snotling—
I—should I aspire—?
*One-two-* and I am squelched!
"Mannerless fellow—
Learn your place. . . .
So the way that I manage
Does not meet
Your full approval?
Smart aleck—
Could you run it better?
So many who want,
So many who claim,
So many who praise, so many who blame,
So many demands,
So many mouths, so many hands. . . .
Some are spared, and some are speared. . . .
Yet it's all—all the same.
Their voices rise. And their cries,
Their cries—they are not to be borne!
You are lucky. You have your solution.
Get in the harness. Draw the cart.
*Giddy-up* here, *giddy-up* there. . . .
You acquit your debts with a tear.
I am *No*—but you are *Yes.*
I—I am the harsh judge.
You—you are the heart. . . ."

II

Do not put
The fur cap on me!
Do not call me Rabbi Yussel!
My piety. . . . My virtue. . . .
Their like grows on any dunghill.
Why do you crown me?
I am not worthy.

How may I lead you?
I myself am astray.
How do I get
To deal with your questions?
*I* have no replies.
My head is buzzing
With little birds who ask me
Their silly puzzles:
"Who is right? The driver? The horse?
Or—is it
The whip?"

Men—no fooling—
Do you not see the hitch?
Pretend that I am the judge.
You come to me for my ruling—
Who won? Who lost?
What's what? Which is which?

פלאי־פלאים! טענהט קהל,
הערט א קעפל, געניזוקט זאל ער נישט ווערן,
ט׳געהערט ר׳ איצע? געהערט ר׳ פיצע!
געזען די חכמה אויף זיין שטערן,
געהערט די תורה, ווי פון סיני,
געזען, ווי ער פראלט ממש אויף דעם היכל,
געכאפט די טיפקייט, דעם בליץ פון שכל?
ווער איז גערעכט? דער באלעגאלע? דאס פערד?
אדער גאר די בייטש? וואו ליגט דא דער טייטש?
טאנצט א לצל אויף א בעזעם,
ווייזט דעם לעקער און ווערט נעלם.
געקרוינטער פירער, געזאלבטער יאלד,
קהל זינגט דיר שירה.
א ווארט פון צין, ווערט א ווארט פון גאלד,
יאסל לאקש פון כעלעם.

ג

שנים אוחזין, צוויי האלטן.
ווי נאר צוויי, גלייך געוואלטן.
מען קאן זיך נישט צעטיילן מיט גאטס ירושה.
איבער א פענעץ, איבער א רעפטל,
איבער א רענדל, איבער אן אשה,
איבער א מסחר, א געשעפטל,
איבער כעלעמער געדאנקען.
שנים אוחזין, צוויי האלטן,
ווי נאר צוויי, גלייך געוואלטן.

אוי זאגן דערויף די חכמים — גאלד מיט זילבער —
יחלוקו. א טייערער געדאנק.
די גאנצע וועלט מיט חכמה אין איין ווארט.
קליגער פון הלל און צום שכל פון א קינד,
און שנעלער פון כולה תורה אויף איין פוס.
געשווינד ווי אן אינד.
א צייכן. א בליץ.
יחלוקו.
וואס איז זיך דא צו קריגן?
צוזאמענקומען זאל מען זיך אין א יאריד־טאג,
מיט די ברעקלעך צרות,
די קרישקעס גליק,
די שיינע ווייבער, די קנעכט,
אפילו דעם שקארמוץ מיט טיפע געדאנקען,

די פערד, די מוילאייזלען,
די קאפהענער, די געשטאפטע וואכטלען,
די וואוילשמעקעדיקע בשמים, טייערע געטראנקען,
און יחלוקו.

Who gets what wages?
Who pays how much cost?
Folks—I tell you—I am a fool,
A tomfool—
With a little goatee.
Imps—on broomsticks—in a ring—
Dance around me; and they sing,
"Yussel Luksh. He's sublime.
He is the wise man of our time!"

"Eloquent," the people call it.
"A head for you—
No harm befall it!"
"You hear, Reb Itze!"
"I heard it—Reb Pitze!"
"I saw the wisdom on his brow.
Heard the Law—as from Sinai.
Saw how he unlocks
The very Temple!"
"The depth of brain." "The flash of mind."
"Who is right? The driver? The horse?
Or is it the whip?"

"What a quip!"
A goblin leers.
Shows his tongue—and disappears.
Crownèd goose!
Anointed booby!
We chant your praises to the realm—
A piece of glass becomes a ruby.
Yussel—
Yussel Luksh of Chelm!

III

*Shnyim ohzin:*
To hold
A prayer shawl. . . .
Once there's two, there's a brawl.
They are not able
To share God's legacy.
Over a deal. Over a trade.
Over a coin. Over a maid.
Chelm's preoccupations. . . .
*Shnyim ohzin*. . . . Two hold
One chattel.
If there's two—you have a battle!

Therefore the sages—
(Silver and gold!)—
"Divide"—they say. . . .
A precious thought.
A world of wisdom in one word.
Wiser than Hillel—yet,
To the comprehension of a child.
You may learn it even as
You stand
On one foot.
Quick . . . as a gazelle. Or quicker—
As a gesture. . . .
A lightning flash. . . .
Divide. Why bicker?

Gather ye on a market day,
With your crusts of trouble,
Your crumbs of joy. . . .
Your penny bags of noble thought. . . .
With your pretty wives, your servants,
With your horses, with your mules,
Your capons, the fatted quail,
The fragrant spices, the rich drinks—
And—
Divide!

ווייל לאָמיר לערנען אביסל פשט.
הונגער. איבערגעפּרעסנקייט.
בלוט. מלחמות.
פונוואַנען נעמט זיך קנאה־שנאה
צו יענעמס ווייב און יענעמס רינד ?
ווייל ראובן האָט אביסל און שמעון אַ פולע שיסל,
איז בכן, זאָגן די תלמידי חכמים דערויף
איין טייער וואָרט —
יחלוקו ! איינגעטיילט זאָל אלץ ווערן.

ד

קעגן דער וועלט אַ קליין געצעלט,
אָבער פאַר זיך איז כעלעם אויך אַ שטאָט,
מיט אַ יויזל, מיט אַ גאָט,
מיט אַ קלויסטער, מיט אַ באַרג,
מיט אַ יידן־גאַס, מיט אַ טאַרג,
מיט נגידים און געמיינע לייט,
ווייבער צנועות און פאַרשייט,
קרומע מויערן, אַלטע טויערן,
איליצעס, געסלעך, הערינג־פעסלעך,
ליאַכעס, שמאַטעס, בלינדע פענצטער,
יידן מיט וואַטאָווע שפּענצערס,
יידענעס איבער פייערטעפּ,
פּלעצלעך, בייגל, פרעצלעך, ביבער, האָניקטייגל,
לויזמאַשטש, נאַפט־געוועלבלעך,
פויערים אין סערמיגעס, קעלבלעך,
קאַטשקעס, גאַנערס און גלחים,
קונצנמאַכערס, העקעריונגען, גנבים,
גוטע יידן, משוגעים, פאַרחלומטע קינדער,
מתים, לאַפּיטוטן, נישגוטע —
אָבער פרואווט געפינט מיר דאָ אַ נאַר.
איר קריגט אַ גילדן גלייך דערפאַר,
נישטאָ !

ער איז קלוג און ער איז קליגער,
און יענער איז קליגסטער שבקליגסטער.
גייט בעלעם אין בלוט,
פעטש פליען ווי די ברעטער.

מען קריגט זיך איבער פילאָסופיעס,
איבער געשריפצן אין די בלעטער,
איבער טיפע געדאַנקען.
ביז מען קומט צו יאָסל לאַקש ער זאָל פסקענען.
ווער איז קלוג און ווער איז קליגער,
איר זענט דאָך דער אמתער פייערדיקער קאָפּ,
רבי, איר זענט דאָך אַ היגער,
וועלכער צד איז גערעכט.

יאָסל פילט מען שעכט אים אָן אַ מעסער,
יעדער צד סטראַשעט.
זיין ביסל אָרעמקייט איז איינגעשטעלט.
זיין וועלט, זיינע תענוגים, מ׳שטיינס געזאָגט,
זיין עולם־הזה, זיין ביסל גריץ, זיין כזית ברוים, —
אַלץ ווערט געהאַלטן אויף דער וואָגשאָל פון זיינע באַלעבאַטים,
יעדער צד קומט צו אים מיט בייזע כוונות.
ליגט אויף יאָסלען ווי אַ הויקער דאָס רבנות.

23

Consider it. . . . Here's a glut.
Here—a shrunken gut. . . .
Why rancor? Why do people hanker
For this man's wife, for that man's kine?
Because Simon has a lot
And Reuben has an empty pot. . . .
So the wise
Did devise
One word—a precious word.
*Divide! Let it all be shared!*

IV

To the world, it is a little tent.
To itself, Chelm is a town.
With an icon. A God.
A church. A hill.
A market place. A Jewish quarter.
Crooked houses—brick and mortar.

Ancient gates.
Alleys, lanes. Broken panes.
Tatters, rags. Moneybags.
Women pure. Women prudish.
Women—
Loose and lewdish.
It's a town. . . .

Jewish men in wadded coats.
Wives
Over charcoal pots.
Onion rolls. Honey balls.
Horse beans.
Herring barrels.
Kerosene. Healing salves. . . .
Peasants in their homespun. . . . Calves.
Ducks. Ganders.
Butchers' apprentices.
Thieves. Priests.
Tumblers. Buffoons.
Holy men. Loons. Dreamy kids. . . .
Dead. Demons.
Ghosts and ghouls. . . .
Fools?
Not a one.
I will give you a prize at once
If you find me a single dunce.
Not here.
Absent.

*He* is shrewd. He is shrewder.
He's the shrewdest of the shrewds.
Chelm is a scene of feuds.
Carnage.
Raps. Slaps. . . .
Palms are like boards!
They row over isms, over schisms.
Over things that are eternal.
Or an article in a journal.
Till they come to Yussel Luksh.
"Rabbi. You settle it.
Who is wise? Who is wiser?
You are the fellow with the upper story.
Why—of course—you are one of us.
Which party is correct?"

Yussel feels he is slaughtered.
His throat is cut—
Without a knife.
Each side threatens.

ה

דער אויבערשטער האט א פאדראד די וועלט
און ער להבדיל כעלעם.
אבער יאסל פאלט פון די פיס.
א פארהויקערטע כאלופע, א יאדישליזוער קוימען,
און א זווייב וואס קהל האט אים באשערט,
נישט קיין נקבה נאר א שווערט.
אינגאנצן ווי אן אפגאט, די אויגן קיין אויגן נישט
נאר קוקערס, די בריסטן קיין בריסטן נישט
נאר פארדארטע פייגן.
א מויל אן שווייגן און ווערטער הייסע קוילן.
מען הערט אזוינס נישט אין גאנץ קרויז־פוילן.

יאסל לאקש, שפייזער מיינער,
ס׳איז דאך צו עפענען מויל און אויערן.
ער גערעכט און דער גערעכט.
איך גערעכט און דו גערעכט.
נישטא קיין גוט, נישטא קיין שלעכט.
נישטא קיין שולד, אלץ גערעכט.
ציציעליסטן, ציצעניסטן,
אנאכריסטן, אנטיסעמיסטן,
אלע טאטערס, אלע קריסטן,
נישטא קיין יא, נישטא קיין ניין.

נישטא קיין טמא, אלץ איז ריין.
ער גערעכט און דער גערעכט,
איך גערעכט און דו גערעכט.
נישטא קיין גוט, נישטא קיין שלעכט.
נישטא קיין שולד, אלץ גערעכט.

יאסל טוט אן בגנבה די צעריסענע זשיפיצע,
כאפט א פריש העמד און אנטלויפט אין מרחץ.
ארונטערגעוואשן דעם ברוד און גלייך אויף דער לאנקע.

ו

דער מערב איז באזוימט מיט שטיקלעך גאלד און שטיקלעך
פייער.
א מאליער האט גענומען צייכנען דעסענעס אויפן הימל.
ס׳איז שטיל ארום מיט דער שטילקייט פון וואונדער.
א מחיה, קיינער זעט נישט און קיינער הערט נישט,
נאר גאט אליין הארכט ווי א מאנסביל האט זיך צעבעטשעט.
דער כעלעמער רב וויינט. ער העשעט :

דאס לעבן איז קורץ — א טאג מיט א נאכט.
דו גיסט א בלאז און וועלטן ווערן חרוב.
איך, דער גרעסטער טפש און פירער פון נאראנים,
בין מיד.
כ׳פארשטיי נישט, גאט, דיין כעלעם.
אבער כ׳וויים, ס׳איז א רחמנות אויף יעדער גרעזל,
אויף א מילב, אויף א פערד,

His bit of poverty is at stake. . . .
His world. His comforts.
His here-and-now. His nibble of bread.
His dribble of kasha. . . .
All lie in the scales
Of his masters. . . .
Each bunch comes
With its cross-purposes.
His chores
Weigh on his shoulders like a hunch.

V

God has a job in this world.
Yussel, a job in Chelm.
But he is ready to keel over.
A humpbacked hovel.
An asthmatic chimney.
And the spouse that they have gotten him.
Not a woman, but a sword.
The eyes no eyes.
They are peepers. The breasts no breasts.
They are dried-out figs.
A mouth having no silence.
The words—
They are hot coals. . . .

Yussel Luksh—
Provider mine!
Just listen to his line:
He is right. He is right.
No blame. All are right.
Zionists.
Socialists.
Anarchists. Anti- Semites.
Tatatatars. And the Christians . . .
Ain't no Yes. Ain't no No.
No Stop. No Go.
No black. No white . . . no day.
No night.
No blame.
All are right.

He furtively puts on his torn cape.
Takes a clean shirt
And sneaks off to the bath.
Having washed away the dirt,
Yussel sits on the grass.

VI

The west is seamed with pieces of gold
And with pieces of fire.
A painter has begun
To lay his stencils on the sky.
All is still—
The stillness of wonder.
Ah, a pleasure. . . .
No one sees him. No one hears.
God alone hearkens
How a man weeps.
Chelm's rabbi sobs.
He moans.
Life is short.
A day. A night.
I—the silliest fool—
A leader of fools—
Am tired.

I do not, Lord—
I do not understand Your Chelm.
But it is a pity—
A pity on each blade of grass.
The ant. The horse.

ויף א וואסערטרעגער, אויף א לםדן,
אויף א פראסטאק, אויף א דלפון, אויף א נגיד.
יעדער איינער ווייסט דעם גאנצן אלץ —
נישט הלילה קיין ביסל,
יעדער איינער פארמאגט דעם שליסל צו דיין שייער
און מען גלוסט און מען וויל,
און מען קעמפט, און מען קריגט,
און מען האסט און מען ליבט,
און מען שטרעבט און מען לעבט —
א טאג מיט א נאכט.
א רחמנות אויף דיין כעלעם.

ער גערעכט און דער גערעכט,
איך גערעכט און דו גערעכט,
נישטא קיין גוט, נישטא קיין שלעכט,
נישטא קיין שולד, אלץ גערעכט.

C
Th
The
They
A day
Oh, a p
On You

He is righ
I am right.
There is no
No guilt.
All
Are right.

(193

trans. Nathan H
Greenberg, A Tre
Poetry

(25)